


אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.

זרע שמשון הלימוד שמשפיע ישועות

שבועות תשפ"ו | גליון 468

## אמרות שמשון

**עשרת הדברות** - עס שטייט אין חז"ל (שמות רבה מו, ז), עשרת הדברות זענען געווען אויסגעשטעלט אויף צוויי לוחות, פינעף אויף איין לוח און פינעף אויף דעם אנדערע לוח. עס איז געשטאנען א דיבור אנטקעגן די צווייטע מיט די פאלגענדע סדר:

| | |
|---|---|
| אנכי | לא תרצח |
| לא יהיה לך | לא תנאף |
| לא תשא | לא תגנוב |
| זכור את יום השבת | לא תענה |
| כבד את אביך | לא תחמוד |

**דער** הייליגער זרע שמשון טוט ערקלערן בדרך רמז דער שייכות וואס יעדע דיבור האט מיט דעם דיבור אנטקעגן איבער.

### אנכי › לא תרצח

**מיט** דעם מאמר ווארענט די תורה אן, א מענטש זאל דאווענען מיט כוונה און אינזינען האבן. וויבאלד תפילה בלי כוונה איז כגוף בלי נשמה, דאס איז מרומז אין **'לא תרצח'** ווען א מענטש שטארבט טיילט זיך אפ דער נשמה פונעם גוף, און צו דעם איז גלייך איינער וואס דאווענט אן כוונה וואס איז כגוף בלי נשמה. **'אנכי'** איז מרומז אויף תפילה מיט כוונה, ווי עס שטייט אין גמרא (ברכות כח:), ר' אליעזר אומר כשאתם מתפללים דעו לפני מי אתם עומדים (אנכי ה') - ווען ענק דאווענען זאלט עטץ וויסן אנטקעגן וועמען מ'שטייט - מ'זאל דאווענען מיט פארכט און כוונה (רש"י שם). דערפאר איז אנכי אנטקעגן לא תרצח.

**נאך** א פשט, דער סיבה פארוואס כלל ישראל האט געזינדיגט מיט'ן חטא העגל און דורכדעם עובר געווען אויף **אנכי ה' אלוקיך**. דאס האט פאסירט וויבאלד זיי האבן עובר געווען אויף **לא תרצח** און גע'הרג'ט חור וואס האט זיי געזאגט מוסר (כדאיתא בחז"ל), דערפאר שטייט לא תרצח אנטקעגן אנכי ה' אלוקיך.

### לא יהיה לך › לא תנאף

**עס** שטייט אין חז"ל דער וואס איז עובר אויף זנות - **לא תנאף** וועט האבן קינדער וואס וועלן דערצערנען דעם אויבערשטן ח"ו - **לא יהיה לך**, דערפאר שטייט לא תנאף אנטקעגן לא יהיה וויבאלד זנות וועט גורם זיין צו עובר זיין אויף לא יהיה לך.

### לא תשא › לא תגנוב

**עס** ווערט געברענגט אין רש"י (ויקרא יט, יא), דער וואס גנב'ט - **לא תגנב** וועט צום סוף עובר זיין אויף **לא תשא** - צו שווערן שבועת שקר. דערפאר שטייט לא תשא אנטקעגן לא תגנוב, וויבאלד גניבה ברענגט צו עובר זיין לא תשא.

### זכור את יום השבת › לא תענה

**שבת** קודש איז א זכר צו בריאת העולם - **זכור את יום השבת**, און דער וואס רעדט שקר - **לא תענה** איז פוגם אין דעם מאמר פון שבת וויבאלד ער איז מער נישט באגלייבט צו זאגן עדות אויפן שבת. דערפאר איז זכור אנטקעגן לא תענה.

### כבד את אביך › לא תחמוד

**עס** שטייט אין גמרא (ע"ז ה.), אמר ר"ל באו ונחזיק טובה לאבותינו שאלמלא לא חטאו, אנו כמי שלא באנו לעולם. רש"י דארט ערקלערט פשט - אויב וואלטן אונזערע עלטערן נישט געזינדיגט וואלטן זיי נישט געשטארבן. די צייט ווען עלטערן לעבן זענען קינדער גארנישט ווערד וויבאלד די עלטערן זענען חשוב און בעסער פון זיי. דערפאר די תורה קומט צו מרמז זיין **כבד את אביך** - א מענטש זאל נישט גלוסטן אוןווארטן זיין טאטע זאל שטארבן כדי ער זאל קענען איבערנעמען אדער באקומען כבוד - **לא תחמוד** נאכדעם וואס זיין טאטע שטארבט.

**לויט** דעם קען מען צולייגן - זאגט דער זרע שמשון, פארוואס לייגט די תורה צו א שכר צו מצות כיבוד אב ואם "למען יאריכון ימיך", אפילו נאכדעם וואס מיר ווייסן דאס גרויסקייט פון כיבוד אב ואם, (ווי ס'שטייט אין חז"ל 'כלל גדול בתורה', און דער תורה גלייכט צו כיבוד אב לכבוד המקום.) דאך וויל די תורה מוסיף זיין, א מענטש זאל נישט דאגה'נען אויף כבוד און געלט וואס ס'פעלט אים צוליב דעם וואס זיין טאטע איז נאך דא אויפן וועלט, נאר ער זאל וויסן דורכדעם וואס ער וועט מכבד זיין וועט ער אליינס האבן אריכות ימים און זיין כבוד וועט זיך פארלענגערן, און אלעס וואס ער האט פארפאסט ווען זיין טאטע האט געלעבט וועט ער דעמאלטס צוריק באקומען. (זרע שמשון פרשתינו אותיות כב - כו)




עשרת הדברות
פינעף דברות איינס
אנטקעגן די צווייטע
דער רמז וואס מ'קען
ארויסלערנען פון
דעם • דער שייכות
פון דעם דיבור
אנטקעגן איבער

• הוצאת הגליון והפצתו לזכות •

| לברכה והצלחה | לברכה והצלחה | לברכה והצלחה | לעילוי נשמת |
|---|---|---|---|
| ברוך צבי ניסים בן שושנה לאה<br>שיצליח בעסקיו בלי גבול ומדה ויסודו כל המחסומים והעיכובים ויזכה לפרוץ ימה וקדמה צפונה ונגבה בלי גבול ובלי מדה עושר גדול מתוך נחת | מרדכי בן רחל<br>לישועה והצלחה בכל העניינים בריאות איתנה פרנסה בשפע מתוך מנוחת הגוף והנפש בלי שום הפרעות ורדיפות ושיתבשר בשורות טובות בקרוב ממש | רפאל דוד בן נעמי<br>שיצליח בפרנסה בשפע ברכה והצלחה ויזכה לנחת מכל ילדיו ושימצא שידוך בקרוב ממש מאוד ושימלא ה' כל משאלות לבו לטובה ויצליח בכל אשר הוא עושה | האשה החשובה מרת<br>ברכה איידל רחל בת הרב חיים יעקב ישראל זילבערבערג ע"ה<br>נלב"ע יו"ט שני של חג השבועות ז' סיון תשס"ב ת.נ.צ.ב.ה. |

# פניני שמשון • ענייני קבלת התורה וחג השבועות

## די אומות העולם זענען מקנא כלל ישראל

דער מדרש (ילקוט שמעוני במדבר רמז תרפ"ז) זאגט אויפן פסוק (במדבר א, א) **וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה בְּמִדְבַּר סִינַי וגו'**. אין די צייט וואס כלל ישראל האט באקומען די תורה, האבן די אומות העולם מקנא געווען כלל ישראל, און געפרעגט פארוואס האט כלל ישראל באקומען די תורה מער פון אלע אנדערע פעלקער? (עיי"ש בהמשך המדרש). דארף מען פארשטיין פארוואס האבן די אומות העולם מקנא געווען כלל ישראל? דער אויבערשטער איז דאך צוערשט געגאנגען צו זיי און געפרעגט צו זיי ווילן מקבל זיין די תורה און זיי האבן עס נישט געוואלט אננעמען. מען קען דאס פארענטפערן לויט ווי עס שטייט אין חז"ל (עבודה זרה ב.) די אומות העולם האבן גע'טענה'ט אז דער אויבערשטער האט זיי נישט געצווינגן אזוי ווי ער האט געצווינגן כלל ישראל דורך איבערדרייען די בארג העכער זיי און באפוילן צו מקבל זיין די תורה, האט דער אויבערשטער זיי געענטפערט דאס איז וויבאלד ענק האבן קיינמאל נישט אפגעהיטן שבע מצות בני נח. לויט דעם קען מען מסביר זיין אז דאס איז געווען די סיבה פארוואס זיי האבן מקנא געווען כלל ישראל, וויבאלד זיי האבן גע'טענה'ט אז די אידן האבן אויך נישט אפגעהיטן שבע מצות בני נח פאר מתן תורה, אויב אזוי פארוואס האט זיי דער אויבערשטער אויסגעקליבן און געצווינגן צו מקבל זיין די תורה מער פון אלע אנדערע אומות העולם (עיי"ש בהמשך דברי רבינו). (פרשת במדבר אות ג')

## תורה איז צוגעגליכן צו פייער

מען קען זאגן א טעם פארוואס די תורה איז געגעבן געווארן מיט פייער, וויבאלד אזוי ווי פייער טוט דערווארעמען און באלייכטן, אבער אויב מען דערנענטערט זיך צו נאנט צום פייער קען מען זיך אפבריען און פארברענען, דאס זעלבע איז מיט די תורה וואס דערווארעמט און באלייכט א מענטש, אבער אויב מען דערנענטערט זיך צו שטארק - דאס הייסט מען לערנט סודות און סתרי תורה ווען מען איז נאכנישט ראוי דערצו - קען מען זיך אפבריען און זיך פארברענען. נאר יעדער איינער דארף זיין צופרידן מיט זיין חלק וואס ער האט אין די תורה, אזוי ווי עס שטייט אין קהלת (ז, ט"ז) **וְאַל תִּתְחַכַּם יוֹתֵר**. (פרשת בהר אות א')

## עושין סעודה לגומרה של תורה

**די סיבה** פארוואס מען פירט זיך צו מאכן א סעודה ווען מען ענדיגט א מסכת, וויבאלד די תורה הקדושה איז גלייך אזוי ווי כלה וואס מען באצירט מיט צירונגן, (ועיי"ש, וכדאיתא במדרש שמות רבה מא, ה). אויב אזוי וואלט מען לכאורה געדארפט מאכן א סעודה און א שמחה ווען מען פאנגט אן א מסכת, אזוי ווי מען מאכט א שמחה ווען די כלה קומט אריין אין שטוב. נאר מ'קען דאס ערקלערן לויט ווי עס שטייט אין גמרא (קידושין ז.), **'חציך מקודשת לי אינה מקודשת'**. אויב איינער איז מקדש א פרוי נאר האלב, איז זי נישט מקודשת. דאס זעלבע איז ווען מען לערנט א מסכת, ווילאנג מען האט נאכנישט געענדיגט די מסכת איז כאילו די קידושין איז נאר טיילווייז חל, נאר ווען מען ענדיגט די מסכת און מען האט די גאנצע מסכת אין האנט איז חל די גאנצע קידושין, און מען מאכט א סעודה לגומרה של תורה. (אות י"א)

✦ ✦ ✦

## די אלטע עבירות ווערן פארמעקט און צובלאזן

**יְשַׁלֵּם ה' פָּעֳלֵךְ וּתְהִי מַשְׂכֻּרְתֵּךְ שְׁלֵמָה** (רות ב, יב) מען קען ערקלערן פשט אינעם דאפעלטן לשון אין פסוק, צוערשט האט ער איר געזאגט **'ישלם ה' פעלך'** וואס דאס גייט ארויף אויף אלע מצות וואס זיי גייט טון פון היינט און ווייטער נאכדעם וואס זי האט זיך מגייר געווען, אבער מען וואלט געקענט מיינען אז די עבירות וואס זי האט געטון איידער זי האט זיך מגייר געווען וועט ווייטער בלייבן אויף איר, דעריבער האט בועז צוגעלייגט **'ותהי משכרתך שלמה'** דיין שכר וועט זיין גאנץ אן קיין פלעק פון די אמאליגע עבירות, אזוי ווי די ביזט געבוירן געווארן אין כלל ישראל. אזוי ווי עס שטייט אין מדרש (ילקוט תהלים רמז תתס"ט) אז אברהם אבינו האט מורא געהאט פון זיינע אמאליגע עבירות וואס ער האט מעגליך געדינט עבודה זרה איידער ער האט זיך דערוואוסט פונעם אויבערשטן, האט אים דער אויבערשטער געזאגט (תהלים קי, ג), **לְךָ טַל יַלְדֻתֶיךָ**, דיינע יוגנט יארן וועט זיין אזוי ווי 'טל' וואס ווערט צובלאזן, און עס בלייבט נישט איבער קיין זכר דערפון. (רות אות ג')

✦ ✦ ✦

## פסח איז מען מקריב פון 'שעורים' און שבועות פון 'חיטים'

מען קען ערקלערן א שיינע טעם פארוואס פסח איז מען מקריב א 'מנחת העומר' וואס קומט פון 'שעורים', און שבועות איז מען מקריב 'שתי הלחם' וואס קומט פון 'חיטים', וויבאלד שעורים ווערט פארערכנט ארים אנטקעגן חיטים וואס איז בעסער פון שעורים, און אזוי ווי מען זעט אין 'פרק שירה' (פרק ג') אז די שירה פון 'שבולת שעורים' איז דער פסוק (תהלים קב, א) **תְּפִלָּה לְעָנִי כִי יַעֲטֹף וגו'**. וואס דאס קומט צו מרמז זיין אז פסח איז מען מקריב פון שעורים וואס איז ארים, וויבאלד ווען כלל ישראל איז ארויס פון מצרים זענען זיי געווען ארים פון תורה, דאקעגן שבועות ווען מען האט שוין מקבל געווען די תורה און מען איז געווארן רייך פון זכיות, דעמאלטס איז מען מקריב שתי הלחם וואס קומט פון 'חיטים'. (רות אות י"ב)

**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.**

צו באקומען דעם גליון וועכנטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com

אדער קענט איר זיך פארבינדן צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450

**אמעריקא** הרב מנחם בנימין פאשקעס: Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204 mbpaskesz@gmail.com 347-496-5657

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות,
צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין
צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17)
סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון
כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

זרע שמשון ע"ר 580624120

**וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו**